# בני אברהם

## אפענער בריוו

שטעלט אייך פאר א אידיש יונגל, וועלכער וואקסט אויף אין דעם "ווייסן הויז" אין וואשינגטאן, אדורכגעווייקט מיט די פינסטערע אטמאספערע פון פאליטישע שפילן, כאראקטאריסטיש פאר יעדן פאליטישאן.

דאס אידיש יונגל האט אין זיך טאלאנטפולע אייגנשאפטן פון געבורט, אבער מיר ווייסן נאך נישט דערפון, ווייל הגם ער האט באקריגן א אידישע ערציאונג, אבער מחמת די סביבה וואו ער געפינט זיך איז עס געווען גאנץ א קנאפע.

וואלט מען אים באטראכט אלס א קאנדידאט צו זיין א מנהיג ישראל? אפילו פון א קליינע קהילה? וואלט מען אים רעספעקטירט, אדער געטרויט גענוג צו קומען צו אים מיט פראבלעמען אדער איינלאדענען צו שמחות? איז ער גענוג "היימיש און פרום" פאר אונז בכלל צו רעדן מיט אים? אפשר אויב ער וואלט תשובה געטוען, און אפילו ווען יא, וואלט מען אים גענומען פאר א מנהיג?

פאר אסאך וואלט דער ענטפער געווען "ניין".

אבער די וועגן פון הקב"ה זענען אנדערש פון אונזערע וועגן. גענוי אזא מענטש האט ער גענומען צו פירן דאס אידישע פאלק, זיין נאמען איז געווען - משה. דער מענטש וועלכער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, דער מענטש וועלכער האט גערעדט מיט הקב"ה "פנים אל פנים", און אונז געגעבען די חשוב'סטע און הייליגסטע מתנה וואס מיר פארמאגן - די תורה הקדושה.

משה רבינו איז געווען א בעל תשובה פון פרעה'ס הויז, וועלכער נעמט עצות פון א גר - יתרו, און האט אפילו חתונה געהאט מיט זיין טאכטער. דאס איז דער וואס אן אים וואלטן מיר נישט עקזיסטירט אלס א פאלק - א כלל ישראל.

מיר ווייסן פון נאך איינער אזוי, וואס זיין נאמען איז מרומז אין די תורה, א בן גרים וועלכער איז נישט ערצויגן געווארן מיט די תורה הקדושה, נאר ער איז אויפגעוואקסן א פאסטוך און ערשט שפעטער ביי די 40 יאר האט ער אנגעהויבן צו לערנען תורה, ביז ער איז אויסגעוואקסן דער גרויסער רבי עקיבא, מיט מער ווי 24,000 תלמידים.

מען זעט אז דורך די גאנצע היסטאריע פון די אידן זענען געווען גרים, בני גרים, בעלי תשובות, וועלכע זענען געווען נביאים, תנאים, אמוראים, און שפעטער רבנן וכדומה.

*

היינטיגע צייטן טרעפט מען אויך גרים און בעלי תשובות, אפשר נישט אזעלכע גרויסע, אבער מען מוז דאך מודה זיין אז אונזער דור איז אויך נישט ווי די אמאליגע דורות.

ווען מען קוקט אויף זיי טראכט מען מיט וואונדער, ווי אזוי עמיצער וויל ברצונו נעמען אויף זיך דעם עול התורה והמצוות.

מען איז מתפלל דריי מאל א טאג "על הצדיקים ועל החסידים, ועל זקני שארית עמך בית ישראל, ועל פליטת סופריהם, ועל גרי הצדק ועלינו". מען פארשטייט פארוואס מען דאווענט פאר צדיקים חסידים חכמים און תלמידי חכמים, ווייל אן זיי וואלטן מיר נישט געווען, אבער גרים? וואס עפעס דערמאנט מען גרים אויך?

אפילו מען וואלט ארייגעלייגט די געהעריגע כוונה אין פירוש המלות, דארף מען דא א גוטן ענטפער. מען זעט אז עפעס איז ספעציעל וועגן זיי.

נאר באמת דארף מען פארשטיין פארוואס קבלת התורה איז אין פרשת יתרו, א נאמען פון א גר. און פארוואס שבועות - זמן מתן תורתנו ליינט מען ספר רות - וועלכע איז געווען א גיורת. פארוואס איז דאס אזוי?

אין ספר מכתב מאליהו ווערט געברענגט אז דער תמצית פון אונזער באשאפן ווערן, און אונזער קיום, איז די בחירה. אלע מענטשן פון דער וועלט האבן אן אויסוואל פון זיבן מעגליכקייטן פון טוב ורע (שבע מצות בני נח). דאס מאכט אונז נישט נאר אנדערש פון בהמות, ווייל לגבי בהמות איז על פי חז"ל גענוג דעם דיבור צו זיין אנדערש פון בהמות, אבער די בחירה מאכט אונז אנדערש אויך פון די מלאכים וואס מען קען זיך נישט פארשטעלן וואס זיי זענען.

א חלק פון די בריאה איז געבענטשט מיט 613 קאטעגאריעס פון טוב ורע, דאס איז דאס אידישע פאלק וועלכע האט באקומען א מתנה די תרי"ג מצות, וואס דאס ברענגט אונז נענטער צום באשעפער דורך זיי טוען און היטן.

מצות וואס נישט נאר וואס זיי פארמען אונזער געפילן צו אנדערע בריאות און צום באשעפער אליין נאר זיי מאכן מעגליך צו פארשטיין זיין כאראקטער כביכול, און זיין ליבשאפט צו אונז. ווי ווייט עס איז מעגליך צו פארשטיין מיט אונזער שכל וואס איז דער מייסטערווערק פון די גאנצע בריאה.

"אבער מיט א תנאי".

אין ספר מסילת ישרים פון רבינו משה חיים לוצאטו (רמח"ל) שטייט, אז מען דארף ארבעטן אויף זיך צו טוען א מצוה מיט כוונה און מחשבה. דער מכתב מאליהו גייט ווייטער און שרייבט אז פאר די מצות וואס מען האט זיך געלערנט אין די סביבה, אין דער היים פון די עלטערן, אין דער כתה פון דעם רבי'ן, באקריגן די עלטערן און רבי'ס א חלק שכר פאר די מצוה. קומט אויס אז נאר א חלק פון דעם שכר המצוה וואס מיר טוען, באקומען מיר. אבער אויב מען טוט די מצוה בכוונה און מחשבה אז מען טוט א מצוה, איז דער גאנצער שכר אונזערע.

יעצט קען מען פארשטיין אביסל, ווען א בעל תשובה אדער א תינוק שנשבה אדער א גר, וועלכע זענען געבוירן אין א גוי'אישע משפחה טוען זיי די מצות מיט א מחשבה אז זיי טוען א מצוה און נישט פון געוואוינהייט. פארדעם לייגט מען זיי אריין אין די תפילה פון "על הצדיקים" צווישן די צדיקים און חסידים, ווייל זיי טוען די מצות מיט אנדערע הרגשים און מיט מער געפיל און נישט פון געוואוינהייט.

ס'איז דא אנדערע סיבות פארוואס די אלע וואס ווערן דערמאנט אין "על הצדיקים" זענען אזוי וויכטיג צו אונז, בפרט אין ספר רמח"ל-דרך ה', דעת תבונות, און אין מכתב מאליה-ו פון ר' אליה-ו דעסלער. (ס'איז אבער נישט דער ציל פון דעם בריוו דאס אדורך צו טוען.)

*

היינט האבן מיר די געלעגנהייט צו צוקוקן א אומגעווענליכע זאך וואס איז נישט געשען פאר הונדערטער יארן, נעמליך אז טויזנטער מענטשן קומען צוריק פון דעם פארלוירענעם דור צו אנזער איינציגסטער ירושה - די תורה הקדושה.

קרבנות פון ציוניזם, קאמוניזם און דער אמעריקאנער וועג פון לעבן וכדומה, קומען צוריק, און אנערקענען דאס ווערט פון לעבן בשלום מיט'ן באשעפער.

אן אומבאקאנטער צאל גרים קומען אריין בבריתו של אברהם אבינו.

הרה"ק ר' מנחם מענדל פון קאצק זצ"ל האט געזאגט, אז די תורה איז דער זיכערסטער וועג צו צוקומען צום באשעפער. ס'איז דא צענדליגע קירוב ארגאניזאציעס וועלכע געבן א געלעגנהייט צוריק צו קומען און זיך לערנען צו זיין אידיש. אסאך פון די ארגאניזאציעס און ישיבות טוען א געוואלדיגע ארבעט צוריק צו ברענגען די פארלוירענע נשמות. אבער צום באדויערן, באנעמען זיך נישט אלע פון זיי אויסצולערנען ווי אזוי צו זיין און בלייבן אידיש.

רוב פון די מענטשן לאזן איבער אלץ פון זייער פריערדיגן לעבן. זיי גייען אוועק פון זייער פיינטליכע משפחות און חברים. אסאך מאל פארלירן זיי זייערע דזשאבס, זיי מוזן זיך אריבערציען צו א אידישע געגענט. זיי זענען מקריב אלץ וואס אנדערע ארבעטן פאר דעם א גאנץ לעבן.

מען איז פרייליך צו זען די סארט מענטשן וואס גלייבן אין הקב"ה וואס מיט דעם העלפט עס אונז צו די אמונה. אבער עס איז דא הונדערטער אויב נישט טויזנטער אזעלכע מענטשן וואס האבן זיך אריבערגעצויגן צו אונזערע קהלות, זיי קומען צו אונזערע בתי מדרשים, און מען ווייסט נישט און קלערט אפילו נישט וועגן זייערע שווערע איבערלעבענישן און צער. אסאך פון זיי מישן זיך שנעל אריין אין די קהילה, אסאך האבן חברים אין גוטע פריינט וואס קענען זיי ארויסהעלפן סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות. אבער ס'איז דא אזעלכע וואס האבן נישט צו וועמען זיך צו ווענדן. זייער לעבן איז געצוימט צום דאווענען, צו זייערע שיעורים, און ארבעט.

פון אויבן אויף הערט זיך עס גוט, וואס נאך דארף א מענטש האבן? אבער מיט זייער ערליכקייט זענען זיי נאך אלץ מענטשן וואס האבן געפילן וואס פאדערן עפעס אנשטאט זייער משפחה, אדער בכלל א סאציאלן לעבן.

אבער אסאך פון זיי ווערן שטארק ענטוישט מיט זייער עקספיריענס אין די אידישע קהלות, זיי קענען נישט טרעפן קיין "דזשאבס" וואס זאלן זיי העלפן צו טרעפן די נויטפולע באדערפענישן וואס מען דארף אויסער שכר לימוד, אדער פריוואט לערנען אויב מען דארף. ס'איז דא הונדערטער פראבלעמען וואס זיי האבן אין זייער לעבן.

בלי ספק איז דא פלעצער און ארגאניזאציעס וואס מען קען זיך ווענדן ביי "מי כעמך ישראל".

דער "רוף פאר הילף" וועט איבער גע'חזר'ט כסדר אין די תורה, "ונתת ללוי לגר ליתום ולאלמנה" זאלסט געבן פאר דעם לוי דעם גר דעם יתום און אלמנה (דברים כ"ו י"ב, אין נאך מקומות בתורה וואס עס שטייט די ווערטער אין פארשידענע וועגן, צו ווייזן אז קיינער איז נישט חשובער פון צווייטן) "ונתת" קען מיינען לאו דווקא בגשמיות נאר עס קען מיינען ברוחניות אויך.

פאר יתומים אלמנות און (לוי) ארימעלייט איז ב"ה דא הונדערטער ארגאניזאציעס צו העלפן. איז דא אזעלכע פלעצער געאייגנט צו העלפן גרים? מען בעט נישט דא פאר קירוב ארגאניזאציעס, נאר ארגאניזאציעס וואס זאלן העלפן ברוחניות ובגשמיות, פאר נאך פינף, צען, פופצן יאר. אוודאי טראכט איר אז נאך אזויפיל צייט וואלטן זיי זיך געדארפט איינווארצלען אין די קהילה, אמת, אבער ווער וועט זיי העלפן אנפילן דאס פלאץ פון זייערע זיידעס און באבעס, יום טוב און חול המועד? ווער וועט זיי העלפן אין א מעגליכע גייסטליכע פראבלעם, אדער מסביר זיין אז זיי זענען נישט סתם "שוואכע אידן מיט א שלעכטן יחוס" אזוי ווי אסאך קוקן זיי אן, אדער א מקום וואס זאל זיי העלפן בגשמיות.

*

האבן מיר גרעסערע פראבלעמען? אדער וויכטיגערע מצות צו טוען? אפשר יא, אבער נישט אומזיסט שטייט מצות "אהבת הגרים", דאס מערסטער מאל פון אלע אנדערע מצות אין די תורה.

פארוואס איז עס אזוי?

יא איר קענט טוען אסאך אין דעם נושא, אבער אזוי ווי ביי יתומים און אלמנות קען מען זיך נישט פארלאזן אז מ'וועט שוין העלפן נאר מען מוז האבן אן ארגאניזאציע, עפעס אן אינסטיטוציע געאייגנט פאר די קאטעגאריע מענטשן, אזוי אויך ביי ביידע סארט גרים, סיי די וואס זענען געבוירן אין א אידישע משפחה אדער א גוי'שע משפחה, דארף זיין געאייגנט אן ארגאניזאציע מיט א גוטן סיסטעם.

בעזרת ה' יתברך ווילן מיר אנפילן דעם "לאך" מיט אן ארגאניזאציע צו צוהעלפן גרים און בעלי תשובות סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. אסאך פון אונז זענען גרים און בעלי תשובות, צום באדויערן ווייסן מיר די שוועריקייטן פון אונזערע אידישע, דערוואקסענע ברידער און שוועסטער.

נאך פאר די גרינדונג פון די ארגאניזאציע האבן מיר געמאכט צוזאמקונפטן פאר גרים אויפ'ן קליינעם פארמאט, און עס איז באקרוינט געווארן מיט גרויס הצלחה. אבער מיר האבן איינגעזען אז עס מוז זיין אויף א גרעסערן פארנעם.

דא קומט איר אריין. יעצט דארפן מיר אייער הילף, ווייל דאס איז שוין העכער אונזערע מעגליכקייטן. אויסער דעם וואס מען מוז האבן פינאנציעלע הילף, מוז מען פאר אסאך מענטשן טרעפן א דזשאב אדער א פריוואטן הילף צו לערנען מיט די קינדער. אריבער צו רופן אויף שבת און יום טוב, אבער נישט סתם צו געבן עסן, ווייל אויף דעם קען מען גיין אין גראסערי איינקויפן. נאר מען מוז זיי געבן ווארימע חברים, וואס וועלן זיי העלפן און מחזק זיין אין די עקרים פון זייער טאג טעגליכן לעבן, אן פאנאטישע אויפקלערונגן.

דאס איז נישט אלץ וואס "בני אברהם" פלאנירט בעזרת ה' יתברך צו טוען. אויב איינער וויל וויסן ווי אזוי זיך צו באנעמען מיט גרים און בעלי תשובות אדער הערן וועגן אונזער עקספיריענס, זענען מיר גרייט זיך צו טרעפן מיט אייך און רעדן מיט אייך, צו פארשטיין צו געבן אונזערע סיבות און צילן, און אזוי אויך מיטצוטיילן מעשיות פון אונזער לעבנ'ס וואס אסאך מענטשן נעמען אן אלס א חיזוק.

מיר טוען נישט גארנישט אן די הסכמות הרבנים און אדמורי"ם פון אונזער דור, און אין פאקט די וואס קענען אונז שוין און ווייסן וועגן אונזער הייליגע ארבעט, שטיצן אונז סיי מענטאליש און סיי מאראליש, וואס פאר דעם דאנקן מיר זיי פון די טיפעניש פון הארץ, מיר זענען אויך גרייט צו הערן אייערע עצות וואס קענען אונז העלפן אנקומען צו אונזער ציל.

אייער פריינט,

**מתתי' ווייזער**

**FOR QUESTIONS, REQUESTS AND DONATIONS PLEASE CALL:**

**(718) 851-4020**